## סיפורי צדיקים שנשמעו בסעודת מלוה מלכה

מוצש"ק פרשת מטות מסעי תשע"ג לפ"ק - מתוך הספר מפיהם ומפי כתבם

**דער סאטמארער רב זי"ע** האט דערציילט, אז **רבי משה ראזוואדובער** איז געווען א איידעםביים **ייטב לב**, און דער **ייטב לב** איז געווען א אייניקל פונעם **ישמח משה**. און **רבי משה ראזוודובער** האט געגעסן קעסט ביים עלטער זיידן אין איהעל א דריי פערטל יאר. דער **פלאַנטשער רב** איז געווען א זון פון **רבי משה ראזוודובער**, און ער איז געווען דעם **סאטמארער רב'ס** שווער בזיווג ראשון. האט דער **פלאַנטשער רב** דערציילט, אז זיין פאטער **רבי משה ראזוודובער** האט געזאגט, אז ער האט מורא געהאט צו קוקען אויפ'ן צורה פונעם **ישמח משה**. א מענטש וואס הערט שטענדיג הכרזות פון הימל, [אזוי פלעגט דער **ישמח משה** זאגן אויף זיך, אז ער הערט וואס מען רופט אויס אין הימל], אויף אזא מענטש קען איך נישט קוקען אין פנים.

*

**דער ישמח משה** האט געדאווענט עקסטער פאר זיך אין א שטוב. איינמאל האט **רבי משה ראזוודובער** געוואלט זעהן, ווי אזוי דער **ישמח משה** דאווענט. האט ער זיך באהאלטן אינעם שאנק, בשעת דער **ישמח משה** האט געליינט קריאת שמע של שחרית, מיט די טלית און תפילין. ווען ער האט אנגעהויבען שמע ישראל, און ער האט ארויסגעזאגט דעם אייבערשטען'ס נאמען, איז דער **ישמח משה** פארחלש'ט געווארן, און ער איז אראפגעפאלען אויף די ערד. און די קאפל מיט די טלית און די תפילין זענען אויך אראפגעפאלען. און ער איז געלעגן אויף די ערד אזוי ווי א דומם. און ער האט געהערט ווי אזוי ער אטעמט, ווי א מענטש וואס גוסס'ט, אזוי ווי א מענטש וואס האלט ביים אוועקגיין פון די וועלט. און עס איז געפאלען אויף אים א גרויס פחד, און ער האט נישט געוואוסט וואס ער זאל טוהן. צו ער זאל ארויסגיין שרייען, אדער ער זאל בלייבען שטיל, און ער זאל זיך גארנישט אנרופן.

**נאך** א פאר רגעים האט ער זיך אנגעהויבן צו באוועגן, און ער האט זיך אויפגעשטעלט, און ער האט זיך צוריק אנגעטון דעם קאפל מיטן טלית און די תפילין, און ער האט ממשיך געווען צו לייינען קריאת שמע. און ביי יעדן שם וואס ער האט מזכיר געווען, איז געווען ממש א פחד, כאילו פרחה נשמתו, מיט אזא ציטער האט ער עס ארויס געזאגט.

**דער סאטמארער רב זי"ע** האט צוגעגעבן דערצו, אז דער **ישמח משה** טייטשט (הפטורה פ' בשלח ד"ה ואוהביו), מחיה מתים במאמרו (תפלת מעריב לשב"ק), 'מחיה', דער אייבערשטער טוט מחיה זיין, 'מתים', די וואס שטארבען, 'במאמרו', ווען זיי זאגען ארויס דעם נאמען פונעם אייבערשטען. האט ער געזאגט, די וועלט מיינט אז דער **ישמח משה** האט נאר געטייטשט אזוי פשט אינעם פסוק. אבער עס איז ידוע, אז ער האט אליין עומד געווען בנסיון, אין דעם ענין וואס ער האט געדרש'נט, און אין די פירושים וואס ער האט געזאגט.

*

**נאכדעם** האט ער פארציילט, אז ער האט געהערט פונעם פאטער, פונעם **קדושת יום טוב**. אז דער **ייטב לב** האט אים געזאגט, אז דריי זאכען האט אים דער **ישמח משה** געוואלט איבערגעבן בחייו, און ער האט עס נישט געוואלט איבערנעמען, און ער האט היינט חרטה, פארוואס ער האט עס נישט מקבל געווען. איינס דערפון איז געווען אז ער האט אים געוואלט אויסלערנען דעם שם המפורש. און דער **ייטב לב** האט געזאגט פארן זיידען, אז ער זאל עס אים נישט אויסלערנען, ווייל

טאמער ער וועט זיין ראוי דערצו, וועט ער שוין וויסן פון זיך אליין.

**דער ווייצענער רב** האט געזאגט, אז דער טעם פארוואס ער האט זיך נישט געוואלט אויסלערנען איז געווען, ווייל זיך משתמש צו זיין מיטן שם המפורש, דארף א מענטש קענען זעהן אלע דורות וואס וועט ארויסקומען פון דעם מענטש אויף וועם מען וויל זיך משתמש זיין מיטן שם. (כדאיתא במדרש (שמו"ר א-כט) על הפסוק (שמות ב-יב) ויפן כה וכה וירא כי אין איש, **ובזוהר הק'** (ח"ג רעח), **ובספר חסידים** (סימן תפד)). און ער האט געהאלטן, אז ער איז נישט אין די מדריגה, אז ער קען אזוי ווייט זעהן, האט ער עס נישט געוואלט מקבל זיין.

*

**רבי יהודא פון סטיטשין** האט פארציילט, אז **רבי משה ראזוודובער** פלעגט זיך שטענדיג איינטינקען די פינגערס אין וואסער. ווען ער האט געהאט א חשש, אז ער האט צוגערירט צו א דבר מטונף, ווען ער האט צוגערירט צו די נאז וכדומה, האט ער זיך תיכף איינגעטינקען די הענט אין וואסער. און זיינע קינדער און אייניקלעך האבן זיך אויך אזוי געפירט. און ווי זיי זענען געגאנגען, האבען זיי מיטגענומען א פלעשל וואסער, כדי זיי זאלען זיך קענען וואשן די הענט. און דאס האט ער מקבל געווען פונעם **ישמח משה**, וואס ער פלעגט זיך אזוי צו פירן. - און **רבי משה ראזוודובער** האט מחמיר געווען, אז אפילו ער האט געהאט א הפסק פון א מחשבה, וואס עס איז אים אריינגעקומען, וואס ער האט נישט געוואלט טראכטען דערפון, האט ער זיך נאכדעם געוואשן די הענט, זיך מטהר צו זיין פון די מחשבה.

**אויך** האט ער איבערגענומען פונעם **ישמח משה**, אז ער האט געדאווענט עקסטער. און חמשה עשר בשבט, האט ער גענומען דרייצען מיני פירות. די דריי זאכען האט ער גענומען פונעם **ישמח משה**.

*

**דער ישמח משה** פלעגט כל ימיו צו זאגען, אז צדיקים נאך זייער פטירה גייען זיי אריין אין גן עדן, און זיי האבען א געוואלדיגען תענוג אין עולם העליון. און זיי ווערן אזוי אפגעטון פונעם עולם הזה, אז זיי ווייסען גארנישט וואס עס טוט זיך אויף דעם עולם, און זיי שפירן נישט דעם צער פון יודען אויף דער וועלט, און זיי זענען נישט מרעיש עולמות אין הימל אויף די גאולה. האט דער **ישמח משה** געזאגט אויף זיך, אז ער וועט נישט פארגעסן, און ער וועט זיך נישט לאזען פארנארן. און ער וועט נישט אריינגיין אין גן עדן, ביז ער וועט נישט אויספועל'ן די גאולה.

**דער סאטמארער רב זי"ע** האט געזאגט, אז ער האט געהערט פונעם **קדושת יום טוב**, אז **רבי מאיר פרעמישלאנער** האט געזאגט, אז עס איז טאקע אזוי געווען. דער **ישמח משה** איז ארויפגעקומען אויפן עולם העליון, און ער האט נישט געוואלט אריינגיין אין גן עדן, ביז עס וועט נישט זיין די גאולה. האט דוד המלך אנגעהויבן צו זינגען מיט זיין פידעל, און עס איז געווען זייער א אנגענעמע קול, האט ער געפרעגט פון וואו איז דער קול. האט מען אים געזאגט, אז ער זאל קומען וועט מען אים וויזען. און אזוי האט ער זיך נאכגעשלעפט, ביז מען האט אים אריינגעפירט אין גן עדן. אזוי האט מען אים מטעה געווען, אז ער זאל נישט מרעיש זיין אויבן אין הימל אויף די גאולה.

**דער סאטמארער רב** האט צוגעגעבן דערויף, אז כאטש דוד המלך איז דאך מלך המשיח אליין, און ער ווארט דאך אז ער זאל שוין קענען אויסלייזען די יודען. פונדעסטוועגן דאך איז ער אליין געווען דער וואס האט געזינגען, כדי אריינצופירן דעם **ישמח משה** אין גן עדן, אז ער זאל נישט מרעיש זיין אויבן אין הימל אויף די גאולה. ווייל אין עולם העליון, ווייסט מען פונקטליך דעם תכלית, ווען עס דארף צו זיין די גאולה, און ווי אזוי עס דארף צו זיין, און אלעס איז מיט א חשבון.

*

**דער ישמח משה** האט געהאט א איידעם דער **אריה דבי עילאי**, ער איז געווען **וויזניצער רב. רבי יהודא'לע פון סטיטשין** האט פארציילט, אז ביי **רבי אליעזר'ל דזשיקוב'ער** איז געווען דער מנהג, אז יעדען פרייטאג צונאכטס האט ער געדאווענט פארן עמוד. און ער האט נישט געדאווענט מיט זיין טלית, נאר איינע פון די קינדער פלעגט אים צו געבן זיין אייגענעם טלית צום דאווענען. עס איז געווען א רייע ביי די קינדער איינער נאכן צווייטען, ווער עס זאל געבן דעם טלית צום דאווענען.

**איינמאל** ווען **רבי משה ראזוודובער** האט איבערגעגעבן זיין טלית פאר'ן פאטער, **רבי אליעזר דזשיקוב'ער**. האט זיך זיין פאטער אנגערופן און געזאגט, 'עס איז נישטא היינט א יוד וואס זאל ארומקריכן מיט די שטיוול אין הימל, אזוי ווי דער הייליגער **וויזניצער רב**, דער **אריה דבי עילאי**. א קומה שלימה מעילא לתתא. יעדע האר פון זיין בארד איז אויסגעארבעט אין בלתי לה' לבדו. דער וואס עסט פון זיין קיגעל שבת, איז א סגולה פאר דורות און דורי דורות, און אפשר גאר לעת התחיה'. ווען **רבי משה ראזוודובער** האט עס געהערט פון זיין פאטער, האט ער מחליט געווען ביי זיך, אז אויב עס איז אזוי, וויל ער זיך אריבערכאפען צום **אריה דבי עילאי**, כדי ער זאל קענען עסן פון זיין קיגעל. ער קען דאך אבער נישט אוועקפארן פון זיין פאטער אויף א שבת. האט ער געווארט ביז עס וועט זיך מאכען, אז זיין פאטער וועט אוועקפארען אויף א שבת אין די פרעמד, און דעמאלטס וועט ער נישט מיט פארען מיטן פאטער, נאר ער וועט זיך אריבערכאפען קיין וויזניצא, צום **אריה דבי עילאי**.

**און** אזוי איז געווען, עס האט זיך געמאכט א שבת וואס דער פאטער איז אוועקגעפארען. אבער דער פאטער האט פאר שבת גערופן אלע זיינע קינדער, און ער האט זיי געזאגט, 'איך בין גוזר אויף אייך בגזירת כיבוד אב, אז קיינער זאל נישט אוועקפארען פון דא אויף שבת'. האט ער נישט געוואוסט וואס צו טון. האט ער זיך מיישב געווען, איך וועל עובר זיין אויף כיבוד אב, אבער פון דעם קיגעל מוז איך עסן.

**ושאל רבינו**: נו, מעג מען אזוי טון? ואמר **רבינו**: ביי כיבוד אב איז דא דיעות, אז עס גייט אָן, נאר ביי א זאך וואס עס איז צו באדינען דעם פאטער. אבער א טאטע קען נישט שאפן פאר א קינד אויף א פריוואטע זאך, וואו ער זאל גיין, אדער וואו ער זאל קומען. נאר אויב עס איז נוגע פארן כבוד פונעם פאטער, ביי דעם איז דא כיבוד אב (עיין שו"ע יו"ד רמ-טז). נאכדעם איז דא א הלכה, אז אויב א קינד וויל גיין ערגעץ לערנען, איז ער נישט מחויב צו פאלגען דעם פאטער, ער קען גיין לערנען אפילו אָן די רשות פון זיין פאטער. און די זעלבע זאך איז חתונה צו האבען. עס איז דא געוויסע מצוות, וואס מען האט מתיר געווען, אז עס גייט נישט אריין אינעם גדר פון כיבוד אב (שם רמ-כה). זעהט אויס, אז ער האט געהאלטן אז צו פארען צו א צדיק, גייט אויך נישט אריין אינעם גדר פון כיבוד אב.

**איז** ער געפארן, און ער איז אנגעקומען קיין וויזניצא פרייטאג נאכמיטאג. ווען די רעבעצין האט געזעהן אז ער איז אנגעקומען אויף שבת, [די רעבעצין איז אים געווען א מומע, ווייל דער **אריה דבי עילאי** איז געווען א איידעם ביים **ישמח משה**, און **רבי משה ראזוודובער** איז געווען א איידעם ביים **ייטב לב**], האט זי געזאגט פארן גבאי, אז ער זאל זאגן פארן רבי'ן, אז אונזער משה'לע איז געקומען אויף שבת, און מען זאל אים זעהן מקרב צו זיין. ערב שבת נאך חצות איז דער **אריה דבי עילאי** שוין נישט געווען אויף דעם עולם, ער איז געזעצן מיט א געוואלדיגע דביקות, ביז דער שבת איז אריינגעקומען. אזוי ווייט, אז ווען דער גבאי האט אים איבערגעגעבן די שליחות פון די רעבעצין, אז עס איז דא א גאסט אויף שבת. האט ער געזאגט, אַה אַה, כאילו ער האט נישט געהערט פון וואס מען רעדט. איז געגאנגען דער גבאי, און ער האט צוריקגעזאגט פאר די רעבעצין, אז די רבי הערט נישט וואס מען רעדט צו אים. איז די רעבעצין אליין געגאנגען, און זי האט געזאגט פארן **אריה דבי עילאי**,

אונזער משה'לע איז דא, און מען דארף אים מקרב זיין. האט ער זיך אנגערופן, אַה אַה, אונזער משה'לע, אַה אַה. האט די רעבעצין געזאגט, ער ווייסט גארנישט וואס עס טוט זיך מיט אים, עס איז א שאד צו רעדן צו אים. וכן הוה, דער **אריה דבי עילאי** האט נישט אויפגעכאפט, אז רבי משה'לע איז דא אויף שבת, און גאנץ שבת האט ער זיך געפירט צו אים אזוי ווי א פרעמדער. אבער שריים האט ער אים געטיילט אזוי ווי פאר אלע, ממילא האט ער באקומען קיגעל, וואס אויף דעם איז ער געקומען.

**נאך** שבת איז **רבי אליעזר'ל דזשיקוב'ער** אהיים געקומען, און ער האט געפרעגט, אויב איינער איז אוועקגעפארן פון דא אויף שבת. האט מען אים געזאגט אז יא, רבי משה איז אוועקגעפארן אויף שבת, קיין וויזניצא. האט ער גערופן דעם זון, און ער האט געזאגט, נו, דו ביזט געווען א שגץ, דו האסט עובר געווען אויף כיבוד אב, אבער זאגט מיר כאטש, וואס האסטו געזעהן דארט. האט ער געזאגט פארן פאטער, עס וועט דיר נישט אַרן, ווען איך וועל זאגען וואס איך האב געזעהן? האט ער געזאגט, ניין. האט ער אים געזאגט, איך האב די ערשטע מאל געזעהן א רבי. האט ער אים געגעבן א קלאפ אויף די אקסעל, און ער האט אים געזאגט, 'פאר גוט געפעלט גוט'ס' (אז איינער איז גוט, געפעלט אים א גוטע זאך).

**יארן** שפעטער ווען רבי משה'לע איז געווארן רבי איז ראזוודוב, און דער **אריה דבי עילאי** האט שוין נישט געלעבט. האט רבי משה'לע באקומען זייער א שווערע קראנקהייט, אז די דאקטוירים האבען נישט געהאט קיין רפואה, און זיי האבען זיך מייאש געווען פון אים. און ער איז געלעגן אין בעט מיט הויך פיבער. אינמיטן האט מען געזעהן, ווי רבי משה'לע הייבט אויף די הענט אינמיטן שלאפן, און ער גיט עס פאר איינעם, און נאכדעם האט ער עס צוריק ארויפגעלייגט. און תיכף נאכדעם האט מען געזעהן, ווי ער הייבט אָן צו שוויצן, און עס ווערט אים בעסער.

**נאכדעם** האט ער זיך אויפגעוועקט, און ער האט געזאגט. איך האב יעצט געזען דעם **אריה דבי עילאי** אין חלום. האב איך אים געזאגט, איך האב געגעסן פון אייער קיגעל שבת, און איך בין יעצט אין א עת צרה, זעהט מיר א טובה צו טון. האט ער מיר געזאגט, אז איך וועל האבען א רפואה שלימה. האב איך אים געזאגט, איך גלייב אייך נישט. געט מיר די האנט. האט ער מיר געגעבן די האנט. האבען זיי געזען אז עס שטימט, אז אינמיטן שלאף האט ער אויפגעהויבן די הענט, און געגעבן פארן **אריה דבי עילאי**. דער פאטער האט אים געזאגט, אז עס איז א סגולה די קיגעל פונעם **אריה דבי עילאי**. און ער האט פון דעם געהאט א ישועה נאך בחייו.

*

**דער אריה דבי עילאי** איז געווען א גדול בתורה, און ער איז געווען א חסיד פונעם **רבי'ן פון לובלין**. **רבי אליעזר'ל דזשיקוב'ער** האט געזאגט אויף אים, אז ער איז א דריטל פונעם לובלינער, אזוי גרויס האט ער אים מחשיב געווען.

**דער אריה דבי עילאי** האט געשטאמט פון די שטאט יערסלוב, א שטעטל אין גאליציע. און דארט זענען געווען דריי חשובע יונגעלייט, וואס זענען געווען צווישן זיך שטארק בידידות. **רבי שמעון יערוסלובער**. און דער **ישועות יעקב**, וואס איז געווען א איידעם אין די שטאט יערוסלוב. און דער **אריה דבי עילאי**, וואס זיין פאטער האט געוואוינט אין יערוסלוב. די דריי זענען געווען א חבורה פון ידידים.

**דער** פאטער פונעם **אריה דבי עילאי** האט געהייסען רבי חיים ציצית מאכער. ווייל דאס איז געווען זיין פרנסה, ער פלעגט צו מאכען ציצית. און ער איז נאך געפארן צום **רבי ר' אלימלך פון ליזענסק**. ער איז געווען א אדם גדול. פארן **אריה דבי עילאי** איז אמאל אויסגעקומען, אז ער איז געווען ביים **רבי'ן פון לובלין**, און ער האט געהאט יענעם טאג יארצייט נאך זיין פאטער, און ער האט געזאגט קדיש. ווען דער חוזה האט געהערט אז מען

האט געזאגט קדיש, האט ער געפרעגט, נאך וועם מען האט געזאגט קדיש. האט מען אים געזאגט, אז דער **אריה דבי עילאי** האט געזאגט קדיש נאך זיין פאטער. האט דער חוזה זיך אנגערופן, 'איך האב גארנישט געוואוסט אז ער איז געווען אזוי גרויס', (זעהט אויס אז בשעת ער האט געזאגט קדיש, האט ער געזען פאר וועלכע נשמה די קדיש גייט). און ער האט עס איבערגעזאגט צוויי מאל. דער **אריה דבי עילאי** האט געהאט דערפון א געוואלדיגע הנאה. ווייל עס איז געווען מקובל ביי די חסידים פונעם **רבי'ן פון לובלין**, אז א זאך וואס ער האט איבערגעזאגט צוויי מאל, איז געווען ריין רוח הקודש. און אז דער רבי האט געזאגט מיט רוח הקודש, אז ער איז געווען אזוי גרויס, האט ער געהאט פון דעם א גרויסע הנאה.

*

**דער אריה דבי עילאי** איז קודם געווען א בעל בתיש'ער איידעם, און בזיווג שני האט ער גענומען דעם ישמח משה'ס טאכטער. די ערשטע זיווג איז ער געווען א איידעם ביי א בעל הבית, א עושר. און דער שווער האט איבערגעגעבן א געשעפט פארן **אריה דבי עילאי**, און זיין ווייב איז געווען א סוחר'טע, און זי האט עס געפירט. מען האט געהאט איין צימער, אינעם הויז ווי מען האט געוואוינט, וואס דארט איז געווען די געשעפט. אמאל איז א גוי'טע אריינגעקומען אין הויז עפעס קויפען, און זי האט געהאט נאר גרעסער געלט צו באצאלען, און מען האט געדארפט געבן רעשט, און די רעבעצין האט נישט געהאט. איז זי אריבערגעגאנגען צו א שכנ'טע, וועקסלען דאס געלט. פונקט איז דער **אריה דבי עילאי** אריבערגעגאנגען, זעהט ער ווי זיין רעבעצין איז נישט אינעם געשעפט, און א גוי'טע געפונט זיך אינעם הויז. האט ער מורא געהאט פון יחוד, ער האט נישט געוואלט זיין צוזאמען, איז ער ארויסגעשפרינגען פון פענסטער, און ער איז געשטאנען אינדרויסען.

**ווען** דאס ווייב איז אהיים געקומען, האט זי געזען ווי די שטוב איז ליידיג, איר מאן איז נישטא, און ער האט געלאזט א פרעמדע גוי'טע אליין אינעם געשעפט. האט זי זיך זייער געבייזערט, אז דער מאן האט געקענט מפקיר זיין איר פארמעגן, און ארויסגיין פון שטוב, און אלעס איבערלאזן. האט זי מחליט געווען ביי זיך, אז ער איז זייער א פרומער, און זי וויל נישט מער וואוינען מיט אים, און ער האט איר געגעבן א גט. [ואמר **רבינו**: מן הסתם איז געווען אנדערע זאכן אויך, וואס האט איר נישט געפעלן ביים ארי' דבי עילאי. אבער ביי דעם האט עס אויסגעקלאפט].

*

**נאכדעם** איז ער געווארן א איידעם ביים **ישמח משה**. מען האט אמאל געפרעגט די רעבעצין, ווי אזוי זי גייט נעמען א מאן א גרוש, וואס זיין ערשטע רעבעצין האט נישט געוואלט וואוינען מיט אים צוזאמען, און זי גייט מיט אים חתונה האבען. האט זי געענטפערט מיט א משל, אז א גוי, א פויער, איז אמאל געגאנגען נעבן די ים. און די סדר פונעם ים איז, אז עס איז דא צייטן ווען די וואסער קומט ארויף, און עס ברענגט ארויף פונעם ים, טייערע פערל שטיינער וואס ליגט אינעם ים. און ער האט געטראפן דארט אסאך פערל שטיינער. ער איז דאך געווען א פויער, האט ער נישט געוואוסט וואס דאס איז. האט ער געמיינט, וויבאלד עס איז ווייס, אז עס איז בונדלעך. בונדלעך דארף מען דאך קאכען, האט ער אהיים גענומען די פערל שטיינער, און ער האט עס אנגעהויבען צו קאכן, ווייל ער האט געוואלט דאס עסן. און עס קאכט זיך, און עס קאכט זיך, און ער זעהט אז עס ווערט נישט ווייך.

**איז** דער פויער אריבער צום שכן, א יוד, און ער זאגט אים, אז ער האט היינט ביים ים געטראפן בונדלעך, און עס ווערט נישט אפגעקאכט. דער יוד איז נישט געווען א בטלן, און ער האט פארשטאנען אז עס איז נישט קיין בונדלעך, נאר מן הסתם האט ער געטראפן פערל שטיינער. האט ער אים געזאגט, אז דו קענסט עס נישט אפקאכען, ברענג עס צו מיר, און איך וועל דיר געבן ווייכע בונדלעך. איז געגאנגען דער פויער,

און ער האט אים געברענגט די שטיינדלעך, און ער האט אים געגעבן דערפאר בונדלעך. זאגט זי, דאס הייסט א פויער וואס ער איז נישט קיין מבין אויף פערל. און אז זי איז נישט געווען קיין מבין אויף פערל, האט זי אים איבערגעלאזט. אבער איך ווייס יא, די חשיבות פונעם **אריה דבי עילאי**, וועגן דעם בין איך גרייט חתונה צו האבען מיט אים.

*

**די** רבנות פונעם **ישמח משה**, אין איהעל, האט געהייסען א רייכע רבנות. ווייל אונגארן איז געווען רייכער פון גאליציע. און דאס רבנות פון זיין איידעם, דער **אריה דבי עילאי**, איז געווען אין פוילן, און דארט איז געווען א ארעמע מקום. דער **אריה דבי עילאי** איז געווען קודם רב אין די שטעטל קרעשוב, און שפעטער ווען דער **ישמח משה** איז אוועק געגאנגען פון שינאווע קיין איהעל אין אונגארן, האט דער **אריה דבי עילאי**, זיין איידעם, איבערגענומען דאס רבנות אין שינאווע. נאכדעם איז ער געווען רב אין וויזניצא, און נאכדעם איז ער געווען רב אין די שטאט בריגעל, און ער ליגט דארט אין די שטאט בריגעל.

**אין** פוילן איז נישט געווען אזוי במציאות קיין ווייז. עס איז געווען זייער טייער, און קיין געלט האט ער נישט געהאט, פלעגט דער **ישמח משה** שיקן וויין פאר זיין איידעם, אויף פסח און אויף א גאנץ יאר. אמאל האט דער **ישמח משה** געשיקט וויין, עס איז געווען א שוואכער וויין און עס איז געווארן פארדארבען אויפן וועג. און ווען ער האט געקאסט די וויין, האט ער געזעהן אז עס איז קאליע געגאנגען. האט ער זיך אנגערופן פארן ווייב מיט א ווערטל, ׳זעסטו, וואס עס קומט ארויס פון דיין טאטע, טויג נישט׳. א ווערטל אויף איר אויך, אז זי קומט פון איר טאטע׳ס שטוב, און זי טויג נישט. [**רבי יענקעל׳ע פון פשעווארסק** האט דאס דערציילט, האט ער געזאגט, נישט יעדער איינער קען זיך ערלויבען אזא לוקסוס, צו זאגען אזא שפראך]. זי איז געווען א קלוגע, האט זי אים צוריקגעענטפערט, ׳דער טאטע האט דען געמאכט אליין די וויין. דער טאטע האט עס געקויפט אין אונגארן, און ער האט עס געשיקט צו דיר. וואס דער טאטע קויפט איין, דאס טויג נישט׳. אים האט ער דאך איינגעקויפט, איז ער טויג נישט, נישט זי.

*

**נאך** די חתונה פונעם **אריה דבי עילאי**, פלעגט ער צו דאווענען שפעט. עס איז געווען חסידישע יונגעלייט וואס זענען געפארן צום **רבי׳ן פון לובלין**, און זיי האבען געהאט א מנין עקסטער פאר זיך וואו זיי האבען געדאווענט, און ער האט געדאווענט מיט זיי, און זיי האבען געדאווענט שפעט. דער **ישמח משה** פלעגט צו דאווענען ותיקין, און ער האט אים מוסר געזאגט, פארוואס ער דאווענט אזוי שפעט, נאך זמן תפלה.

**האט** אים דער איידעם געזאגט, דער שווער זעהט, ווער דאווענט אזוי פרי מיטן שווער צוזאמען, די בעלי מלאכה, די שניידערס, מיט די שוסטערס, פשוטי העם. אבער ווען איך דאווען, דאווען איך מיט די חשובע יודען, חסידים ואנשי מעשה, חסידים פונעם **רבי פון לובלין**. זאגט אים דער **ישמח משה**, וועסטו זיין אין גיהנם, מיט די חשוב׳ע יודען צוזאמען. זאגט אים דער איידעם, עס איז מיר בעסער צו זיין מיט זיי אין גיהנם, ווי צו זיין מיט די שוסטערס אין גן עדן. **רבי יענקעל׳ע פון פשעווארסק** האט געזאגט אויף דעם, אז טייל זאגען אז ער האט געזאגט, עס איז בעסער מיט א קלוגען צו פארלירן, ווי איידער מיט א נאר צו געווינען.

**און רבי יענקעל׳ע** האט צוגעגעבן דערצו, אז ער האט געטראפן אז עס איז א גמרא (בבא מציעא ח.), אז אויב א פקח מיט א חרש, האבען אויפגעהויבען א חפץ. א פקח וואלט געקענט קונה זיין, און דער חרש שטערט דעם פקח אז ער קען נישט קונה זיין. קומט אויס אז ווען א פקח טרעפט א אבידה צוזאמען מיט א חרש אדער א שוטה, קען קומען א צווייטער און עס

צונעמען. זעהט מען, אז וואס מען געפינט צוזאמען מיט א נאר, האט מען גארנישט דערפון, ווייל א צווייטער קען עס צונעמען.

*

**רבי איציק’ל פון פשעווארסק** האט פארציילט, אז איינע פון די חסידים פונעם **אריה דבי עילאי**, האט אמאל מיטגעברענגט מיט זיך נאך א יוד, אויף א שבת צום **אריה דבי עילאי.** ווען ער איז געקומען צו זיין רבי’ן, האט ער געזאגט, איך האב געברענגט נאך א חסיד פארן רבי’ן. ער האט געמיינט אז דער **אריה דבי עילאי** וועט זיין צופרידן, אז ער האט אים געברענגט נאך א חסיד. פון דעם ערשטען חסיד, האט ער אויך נישט געהאט א סאך נחת, און ער האט מיטגעברענגט נאך א חסיד אויך.

**האט** אים דער **אריה דבי עילאי** געזאגט, איך וועל דיר דערציילען א מעשה. עס איז געווען אמאל א איש פשוט, א גראבער יונג, און ער האט געהאט א סידור’ל. און אין די ברייתא פון רבי ישמעאל פאר הודו, האט אים עפעס נישט געקלאפט די ווערטער. עס איז זייער שווער די עברי, כלל ופרט וכלל, און ער האט עס נישט געקענט געהעריג ארויסזאגען, און עס האט אים געשטערט דאס דאווענען. [די וועלט זאגט אויף א גראבער יונג, אז ווען ער קומט צו, צו כלל ופרט וכלל. זאגט ער, מען ’פארט’ און מען ’קלאפט’. אויף ’פרט’ זאגט ער ’פארט’, און אויף ’כלל’ זאגט ער ’קלאפט’]. האט ער אריבערגעטראגען זיין סידור פארן בינדער, און ער האט אים געבעטען, אז ער זאל אויסרייסען די בלעטל פון ר’ ישמעאל אומר, און ער זאל עס אים אזוי איינבינדען. דער בינדער האט נישט געוואלט נעמען א בלעטל פון סידור און עס ארויסרייסען, און מאכען דערפון שֵמוֹת. האט ער זיך מיישב געווען, אז עס איז א דיקע סידור, ער דאווענט דאך נאר פון פארנט, פון אונטען דאווענט ער דאך נישט. האט ער גענומען דעם רבי ישמעאל אומר, און ער האט עס אריינגעבינדען ערגעץ אינמיטן סידור. און ער האט געטראכט, אז דארט וועט דער בעל הבית נישט דאווענען. דער האט צוריקגענומען זיין סידור, און ער האט געזעהן אז רבי ישמעאל שטייט נישט דארט, איז ער רואיג געווארן, אז ער האט שוין א סידור’ וואס וועט אים נישט שטערן ביים דאווענען.

**דערווייל** האט ער אריינגעלייגט דעם רבי ישמעאל אומר, ביי מוצאי שבת, אינמיטן ויתן לך, ביי די מימרא פון רבי יוחנן, בכל מקום שאתה מוצא גדולתו של הקב"ה, שם אתה מוצא ענותנותו. און דארט האט אים אויך נישט אזוי געקלאפט די עברי, ער האט נישט געקענט געהעריג ארויסזאגען די ווערטער ’גדולתו’ ’ענותנותו’. און ער זעהט וואס דער בינדער האט אים געטון, אז ער האט אריינגעלייגט דארט דעם רבי ישמעאל אומר, נעבן די מאמר פון רבי יוחנן. רופט ער זיך אן, ’אויף דעם רבי יוחנן, האב איך שוין לאנג א אויג, יעצט האט ער זיך נאך צוגענומען, דעם רבי ישמעאל אויך, אז זיי זאלן זיין צוזאמען’. דער **אריה דבי עילאי** האט געמיינט צוזאגען, אויף דיר האב איך שוין לאנג א אויג, האסטו נאך צוגעברענגט יעצט נאך איינעם, וואס איך זאל פוןביידע נישט נושא חן זיין.

*

**דער סאטמארער רב** האט פארציילט, אז דער **ייטב לב** האט געהאט אסאך התנגדות אין איהעל. אזוי ווייט אז איינמאל האט מען האט אים פארמסר’ט אויף עפעס, און די פאליציי האט אים ארויסגעטראגן פון שטאט. ער האט טאקע איבערגעלאזט איהעל, און געגאנגען אויף סיגעט. בשעת ער האט געמוזט אנטלויפן פון איהעל, האט ער נישט געהאט וואו צו גיין, איז ער אריבערגעפארן צו זיין פעטער דער **אריה דבי עילאי.** דער **אריה דבי עילאי** האט געהאט צרות אין וויזניצא, און ער איז דעמאלטס אויך אנטלאפן אויף בריגעל. און דער **ייטב לב** האט זיך אויסגערעדט זיין ביטער הארץ, וואס ער האט רדיפות אין איהעל.

**און** דער פעטער, דער **אריה דבי עילאי** האט אים אויסגעהערט, מיט א שמייכעל אויפן פנים. זאגט אים דער **ייטב לב,** איך רעדט פון פארביטערטקייט, און דער פעטער שמייכעלט.

זאגט אים דער **אריה דבי עילאי**, ווען טרייסט זיך א מענטש וואס איז בצער? ווען ער הערט אז זיין חבר האט אויך די זעלבע צער ווי ער, דעמאלטס ווערט ער בשמחה, אז ער איז נישט אליין. ווען דו דערציילסט מיר, אז דו האסט רדיפות אין איהעל. און איך ליידט רדיפות אין וויזניצא. דו האסט געמוזט אנטלויפן, און איך האב געמוזט אנטלויפן. האב איך הנאה אז איך בין נישט אליין אויף צרות, עס איז דא נאך איינער, וואס איז אזוי אויף צרות ווי איך.

*

**דער סאטמארער רב** פלעגט צו זאגען, אז דער **ייטב לב**, האט זיך שטענדיג צוריקגעבענקט אויף די רבנות אין איהעל. און ער האט געהאלטן, אז דאס וואס ער איז אוועקגעגאנגען פון איהעל, האט אים געשאדט פאר זיינע מדרגות. ווען ער וואלט ווען געבליבן אין איהעל, וואלט ער געקענט מער אויפטון.

*

**נאך** האט דער **סאטמארער רב** דערציילט, אז אויף דעם בית המדרש פונעם **ייטב לב**, איז געווען אויפן שער פון אינדרויסען לוחות, און אויף דעם איז געווען אויפגעשריבן די עשרת הדברות. און פאר'ן עמוד איז געווען א מנורה, און אויף די מנורה איז געווען אויסגעקריצט די צורות פון צווי אדלערס. און ווען דער **קדושת יום טוב** האט איבערגענומען דאס פלאץ פונעם **ייטב לב**, האט ער געהייסען אז מען זאל אראפנעמען די לוחות און די אדלער'ס. און מען האט געהאט טענות אויף אים, אז דער פאטער האט עס נישט אראפגענומען, פארוואס ער הייסט אז מען זאל עס יא אראפנעמען. האט דער **קדושת יום טוב** געזאגט, אז ער איז בטוח, אז ווען דער פאטער איז געקומען דאווענען, איז ער געווען אזוי אריינגעטון אין די מחשבות פון תפלה, אז ער האט נישט געוואוסט וואס טוט זיך ביים טויער פון שול, און וואס טוט זיך ביים עמוד.

*

**דער סאטמארער רב** האט געהערט פונעם **לאפאש'ער רב**, אז ער האט געהערט פונעם **ייטב לב**, וואס ער האט געזאגט בימיו, אויב עס וועט נאך געדויערן צוואנציג יאר ביז ביאת המשיח, ווי אזוי וועט דער דור אויסזעהן דעמאלטס. און אז מען טראכט אין דעם, איז אזוי ווי מען זאל קלערן, מה למעלה ומה למטה ומה לפנים ומה לאחור, וואס עס שטייט אין די גמרא (חגיגה יא:) אז מען טאר נישט טראכטען פון דעם. מען קען זיך גארנישט אויסמאלען ווי אזוי מען וועט אויסזעהן. דער **ייטב לב** איז שוין נישט דא הונדערט און דרייסיג יאר. דער **סאטמארער רב** האט עס דערציילט ו' אלול תשי"ט, און ער האט געזאגט, ווען מען זאל עס היינט זאגען, ווייס איך שוין אוודאי נישט וואס מען קען אויף דעם קלערן. עס איז שוין אסאך ווייטער, ווי טראכטען מה למעלה ומה למטה.

*

**דער ייטב לב** האט געטייטשט, יפתח בדורו כשמואל בדורו (ר"ה כה:), אין דעם דור, אפילו א מענטש הייבט נאר אָן, צו טון א גוטע זאך פאר יודישקייט, האט עס א חשיבות ביים אייבערשטען, אזוי ווי שמואל הנביא האט געדינט דעם אייבערשטען אין זיין דור. 'יפתח בדורו' אין היינטיגן דור, אפילו א מענטש הייבט נאר אן צו טון אין עבודת ה'. האט עס די חשיבות 'כשמואל בדורו', אזוי ווי די גרויסע זאכען, וואס שמואל האט געטון אין זיין דור. יעדע זאך ווערט גערעכנט לויטן דור, און אז דער דור איז אזוי נידריג, איז מען אין הימל מחשיב, אפילו א קלייניגקייט וואס מען טוט.

**זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל**